# הלכות ביים שבת טיש

פרשת משפטים ••••· אקטועלע הלכות צו פארברענגען מיט די גאנצע משפחה ·•••• גליון מס׳ 36

יו"ל ע"י חברת יגדיל תורה דחסידי בעלזא - אנטווערפן בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
להערות והארות טל': 32488417322+ מייל: shabbestish@gmail.com

## שאלות ותשובות לליל שבת

**איסור קורע ותופר, מכה בפטיש**

**א. אויב א זוים פון א קלייד הענגט, מעג מען עס באהעפטן מיט א זיכערהייטס-נאדל (safety pin) ? מעג מען צוריקלייגן לייגן א בעקיטשע קנעפל מיט א זיכערהייטס-נאדל?**

ארייינשטעקן מיט די נאדל איינמאל און עס אזוי באהעפטן מעג מען, אויב עס איז זייער וויכטיג מעג מען אויך ארייינשטעקן 2 מאל, אבער מען זאל זעהן עס צו עפענען מוצאי שבת.

**ב. א מאנטל אדער א רעשוואלקע וואס מען איז מחבר זיין די פיטער פון דעם, מיט א טירעט (זיפע"ר) אדער מיט קנעפלעך מעג מען עס באהעפטן אין שבת? וואס איז די טעם אז מען מעג פארמאכן א מאנטל מיט א טירעט?**

א טירעט פון א מאנטל וואס איז געמאכט צו עפענען און פארמאכן די מאנטל מעג מען, אבער ביי די פיטער היות עס בלייבט ליגן א לענגערע צייט זאל מען עס ארויפלייגן פאר שבת, אויב עס איז זייער וויכטיג מעג מען עס באהעפטן אין שבת, אבער מען זאל עס צוריק עפענען מוצאי שבת.

**ג. אויב מען האט געגעבן די טלית צו וואשן און מען האט פארגעסן צו מחבר זיין די עטרה מעג מען עס באהעפטן שבת מיט סקאטש אדער מיט טיק טאק?**

היות עס בלייבט ליגן א לענגערע צייט איז עס גלייך צו די איסור פון תופר, אויב מען וויל נישט גיין אן די עטרה מעג מען עס ארויפלייגן, אבער מען זאל עס אראפנעמען מוצאי שבת און צוריק באהעפטן.

**ד. א רעדל פון א קינדער-וועגל וואס די לופט איז ארויס מעג מען עס אנבלאזן?**

ניין, וועגן די איסור פון פארעכטן א כלי.

**ה. אויב מען האט פארגעסן צו שניידן די פלאסטיק טישטוך מעג מען עס רייסן אין שבת?**

ניין ווייל היות מען דארף עס האבן פאר א טישטוך איז עס אסור וועגן תיקון כלי.

## שאלות ותשובות ליום השבת

**איסור קורע ותופר, מכה בפטיש**

**ו. איינער וואס האט א וואונדע, און האט א לאנגע באנדאז ראל, אדער א גרעסערע שטיקל פלאסטער, מעג מען אפשניידן א שטיקל פון דעם?**

ניין, ווייל וויבאלד מען שנייד עס אויף זיך צו באנוצן מיט דעם טאר מען נישט וועגן תיקון כלי.

**ז. אויב מען האט נישט קיין געשניטענע בית הכסא פאפיר, נאר אין א ראל, מעג מען עס שניידן?**

לכתחילה זאל מען זיך באנוצן מיט דעם ווען עס איז מחובר און ארייינלייגן אין טוילעט אז די פאפיר זאל זיך צושניידן ווען מען ציט אראפ די וואסער, אויב עס איז שווער צו נוצן אזוי, קען מען מיקל זיין וועגן כבוד הבריות, צו שניידן מיט א שינוי מיט די מויל אדער מיט די עלנבויגן, אבער מען זאל אויפאסן נישט צו שניידן ביי די לעכער ווי עס איז געמאכט צו שניידן די פאפיר.

**ח. מעג מען עפענען א פארמאכטע ענוועלאפ צ.ב. אן הזמנה פאר א חתונה?**

ניין, וועגן די איסור פון קורע על מנת לתקן ווייל דורך די רייסן קען מען ליינען וואס שטייט אין די הזמנה, ביי א הזמנה וואס די קארטל איז איינגעקעקנייטשט און פארקלעבט אן קיין ענוועלאפ איז די איסור נאך הארבער.

**ט. מעג מען קלעבן א פלאסטער אויף א וואונדע ? אנטוהן א פאמפער און צוקלעבן אויף א קינד, פארקלעבן און אוועקווארפן?**

א פלאסטער מעג מען קלעבן אויף א וואונדע, נאר מען זאל מקפיד זיין נישט צו קלעבן איין זייט אויפן צווייטן נאר אלעביידע זייטן אופן גוף, פאמפערס מעג מען פארקלעבן ווען מען טוט עס אן אויפן קינד, אבער בשעת'ן אוועקווארפן זאל מען עס נישט פארקלעבן נאר ארייינלייגן אין א זעקל און אוועקווארפען.

**י. אויב מען האט א נייע מחזור און די בלעטער זענען צוגעקלעבט איינס צום אנדערן מעג מען עס עפענען?**

אויב עס איז צוגעקלעבט דורך די פרעסן אדער דורך די פארב וואס מען האט געשפריצט אויף די זייט פון די בלעטער מעג מען, אבער אויב עס איז נישט אפגעשניטן די בלעטל און עס איז באהאפטן אן קיין קלעב טאר מען עס נישט אויפרייסן.

צום בארון רוטשילד איז אנגעקומען אמאל שבת 3 טעלעגראמען וואס איז געווען אדרעסירט פון די רוסישע קעניגרייך, שבת האט ער זיך נישט צוטוהן געמאכט צו דעם, מוצ"ש האט ער געעפנט אלע 3 בריוון האט ער זיך אנגערופן מיט א התפעלות זעהטס די כח און שכר פון היטן שבת כהלכה.
אסאך יארן פריער האט די בארון אויפגעשטעלט א גרויסע פאבריק פון אייזן, ווען ער האט געוואלט פארקויפן די סחורה האט די רוסישע ממשלה געפאדערט אז זיי ווילן קויפן די סחורה אבער פאר א ביליגע פרייז, און ער האט עס אן קיין ברירה געמוזט פאר זיי פארקויפן, עס האט אויס געזעהן אז זיין גאנצע השקעה גייט פארלוירן גיין, יענע שבת באנאכט האט די רוסישע ממשלה געזעהן אז זיי דארפן האבן נאך סחורה פון די פאבריק, האבן זיי געשיקט א טעלעגראם אז זיי ווילן קויפן די אייזן אויף די זעלבע ביליגע פרייז פון אמאל אבער ווייל ער האט זיי נישט גלייך געענטפערט ווייל עס איז געווען שבת, האבן זיי געמיינט אז ער איז נישט צופרידן מיט די פרייז, אבער היות זיי האבן געדארפט האבן וויכטיג די סחורה האבן זיי נאכאמאל ארויסגעשיקט א טעלעגראם מיט א העכערע פרייז, און ווען זיי האבן געזעהן אז ער ענטפערט זיי נישט האבן זיי געדאפלט די פרייז און געשיקט א דריטן מאל, און מיט די הויעכע פרייז האט עס געדעקט אלע שאדנס וואס די בארון האט געהאט מיט זיי ביים אויפשטעלן די פאבריק, אויב וואלט עס געווען אינדערוואכן וואלט זיך די געשעפט געענדיגט מיט די ערשטע בריף.

# שאלות ותשובות בלשון הקודש

## שאלות לליל שבת

**א. מכפלת שנקרעה האם מותר לחברה במחט או בסיכת בטחון, ומה"ד אם נפלו הכפתורים מהבעקיטשע האם ליתן במקומם סיכת בטחון כדי לסגור את הבעקיטשע ?**

במ"ב הביא דעת הקרבן נתנאל לענין אנשים התוחבים הקריי"ז עם הבגד במחט ב' פעמים שיש בזה איסור, ומדבריו יש ללמוד לכל אופן שמחברים חלקים שנפרמו מהבגד במחט שיש להזהר שלא להכניס המחט בבגד ב' פעמים [שאז איסורו מדרבנן] וכ"ש שאין להכניס ג' פעמים [שאז איסורו מה"ת (ולפי"ד השעה"צ הנ"ל אפשר דבמכפלת איסורו מה"ת גם בב' פעמים, בגלל התפירות שלא נתפרדו)], אבל מותר להכניס פעם אחת [ובמכפלת בדר"כ אינו מחזיק מעמד בפעם אחת].

אכן, יש אחרונים שכתבו שאין איסור בתחיבת מחט בבגד דרך ארעי, כיון שצורת המחט מוכיחה שאינה עשויה לשם תפירה, ודינה כחיבור הנעשה ע"י כפתורים המבו' להלן להיתר (עיי' ארחות שבת פי"א הערה טו בשם החזו"א), ובפרט הדברים אמורים בסיכת בטחון שניכר עליו להדיא שעשוי להכניס ולהוציא, ומ"מ למעשה ראוי להחמיר בזה ולתחוב המחט רק פעם אחת, ובמקום צורך גדול אם אינו מסתדר בתחיבה אחת יש להקל להשתמש בסיכת בטחון ובתנאי שיחזור ויפתחנו מיד במוצ"ש (שש"כ פט"ו ס"ע, ועיי"ש בהע' רכד הצדדים להיתר).

**ב. מעיל או ראז'וואלקע שיש אפשרות לחבר להם פרוה ע"י רוכסן או כפתור, ובשבת נעשה קר מאד, האם מותר לחבר הפרוה למעיל ?**

נח' הפו' אם דין רוכסן כדין כפתור, שאפי' אם סוגרו לזמן אינו חשוב כלל תפירה, כיון שאינו דרך תפירה כלל (שש"כ פט"ו הערה רלב), או שדינו כדין החוט שמותחים בו הבגדים סביב הזרועות שאם סוגרו לזמן יש בו איסור, כמבו' במ"ב (מ"ב למעשה אות קיב בשם הגר"ש וואזנר, שו"ת שבה"ל ח"ג סי' נ"א עיי"ש שביאר הסברא שחיבור דברים במחט (וכ"ש בכפתור) אינו דומה כלל לתופר, ואילו רוכסן עשוי משליבות קטנות המתחברות זה לתוך זה והוא כעין תופר ממש), ובנד"ד שהדרך לרכוס הפרוה למעיל לזמן רב יש לחוש להחמיר שלא לעשות כן בשבת, ואם צריך לעשות כן מחמת הקור, יפתחנו שוב במוצ"ש ויחזור ויחברנו.

**ג. המוסר טליתו לכיבוס במשך השבוע, ושכח לחזור ולחבר העטרה לטלית לאחר הכיבוס, האם מותר לחברו [עם סקוטש או טיקטקים] ?**

גם דין זה נכלל במח' הפו' דלעיל לענין רוכסן (שגם הסקוטש דומה יותר לתופר ממחט וכפתור), וכאמור לעיל, ראוי להחמיר בזה לחבר העטרה מע"ש, ואם לא חיברו ואינו רוצה ללכת ללא העטרה יש להקל לחברו ע"ד שיחזור ויסירו במוצ"ש, ובמוצ"ש יסירו ויחזור ויחברנו.

**ד. כדורים, מזרונים, וגלגלי עגלה המתנפחים ע"י שמכניסים בהם אויר, שניפחן קודם השבת ויצא מהם האויר, האם מותר לחזור ולנפחן ?**

הפו' דנו בזה לאיסור כשם שאסור ליתן בכרית שנפלו ממנה נוצות נוצות שלא היו בכרית זו, וה"ה בנד"ד שהאויר שנותן בהם הוא אויר חדש שלא היה בהם מעולם (מ"ב למעשה בשם הגר"ש וואזנר, שש"כ פל"ד סכ"ד, ויש שאסרו משום עובדא דחול - עיי' מ"ב דרשו הערה 71).

**ה. אם שכחו לחתוך מפות ניילון מע"ש, האם מותר לחתכן בשבת ?**

נת' בשו"ע שאין לקרוע הנייר משום איסור תיקון כלי, והיינו באופן שמכשירו לאיזה שימוש ע"י הקריעה (ויעויי' בה"ל ד"ה אין שוברין מדוע אין בזה משום איסור קורע), וה"ה בנד"ד שקורע הניילון כדי להשתמש בו כמפה ויש בכך איסור תיקון מנא.

וה"ה שאסור לחתוך נייר כסף לצורך אחסון שיירי מאכלי שבת, שכיון שחותך הנייר כסף להשתמש בו לאחסון מזון יש בזה משום תיקון מנא, ובאופן שיש סכין המחובר לקופסת הנייר כסף וחותך במדוייק יש לחוש בזה גם לאיסור מחתך.

## שאלות ליום השבת

**ו. מי שיש לו פצע וצריך לחבשו בתחבושת, ויש לו גליל ארוך של תחבושת, האם מותר לחתוך ממנו חתיכה ?**

גם זה נכלל באמור בשאלות הקודמות [ראה שאלות לליל שבת], שכיון שחותך התחבושת להשתמש בו יש בזה משום תיקון מנא.

**ז. הנמצא בבית הכסא ואין שם טישו חתוך, רק גלילי נייר טואלט, האם מותר לחתכן ?**

כתב המ"ב (סקמ"א) שהקורע נייר לקרעים לקנח עצמו בהם עובר משום קורע (יעויי' בה"ל שם שבזה משתמש בב' חלקי הנייר שנקרעו איסורו משום קורע, משא"כ באופנים המבו' בשאלות הקודמות שאינו משתמש בחלק האחר של הנייר איסורו משום תיקון כלי), ואם מקפיד על המידה עובר גם משום מחתך, ובגלילי נייר טואלט אם חותכים בפס המיועד לחיתוך יש לחוש בזה גם ל'מחתך', אכן, מי שנמצא בביהכ"ס ואין לו נייר טואלט חתוך (והוא נמצא במקום ציבורי שאינו יכול לבקש שיביאו לו נייר חתוך, או שנמצא בבית ונגמר הנייר החתוך) כ' הפו' שלכתחילה ישתמש בנייר בעודו מחובר ויכניסנו לתוך האסלה, ויחתוך את הנייר ע"י הזרם החזק הנוצר בשעת ירידת המים, ואם אינו מצליח להשתמש באופן כזה יש להקל לחתוך נייר מגליל כלאחר יד, שיקרענו במרפק או בפיו [כי במקום כבוד הבריות התירו מלאכה כלאחר יד (עיי' מ"ב שיב, כ)], ויזהר מאד שלא לקרוע במקום המיועד לחיתוך (שש"כ כג טז, ארחות שבת ח"א יא כב, עיי"ש שאם יש נכרי עדיף שיאמר לנכרי שיקרע דרך שינוי, ואף אם הוא יקרע כדרכו לית לן בה).

**ח. האם מותר לפתוח מכתב שיש בו הזמנה לחתונה וכדו', ומה"ד אם ההזמנה אינה מונחת בתוך מכתב [כרוב ההזמנות המצויים בזמננו] ?**

במ"ב (סקמ"א) ובבה"ל (ד"ה הנייר) האריכו בדין פתיחת מכתב בשבת, ומסקנת דבריהם שיש לאסור בכל האופנים, הן באופן שהמכתב נתון במעטפה, הן באופן שהמכתב עצמו משמש גם כמעטפה [דוגמת הזמנות ודפי חשבונות], ויתכן שיש בכך איסורי תורה (עיי"ש דבאופן שהמכתב עצמו משמש כמעטפה בוודאי חשיב קורע ע"מ לתקן, שהרי ע"י הקריעה יכול לקרוא המכתב, ובאופן שהוא נתון במעטפה חשיב מקלקל ע"מ לתקן שלא במקומו, שהרי המעטפה עצמה הוא רק מקלקל, והתיקון הוא בנייר שבתוכו שיכול לקראו, שהוא דבר נפרד מהמעטפה, ומ"מ אף בזה יש דיעות שאיסורו מה"ת), ועיי"ש שהאריכו אם מותר לומר לגוי שיפתח, ובמקום הצורך יש להקל בפרט באופן שהמכתב נתון במעטפה, ויותר טוב שיאמר לגוי שאינו יכול לקרוא המכתב, ואם יבין מאליו ויפתחנו מותר לקראו [ומ"מ לענין דפי חשבונות יש איסור לקוראם משום שטרי הדיוטות, ואסורים בטלטול משום מוקצה כמבו' בסי' ש"ז (סע' יג - יד)].

**ט. האם מותר להדביק פלסטר על גבי פצע? להדביק הטיטולים לתינוקת?**

מותר להדביק איספלנית על גבי פצע בשבת, אך יש להקפיד שלא להדביק הקצוות זה על זה אלא ידביקו על גוף האדם. ובענין להדביק החיתול כשמלבישים אותו על התינוק יש להקל היות שפותחים אותו תוך כ"ד שעות, וגם ההדבקה נעשית על מקום שניתן לפותחה ולחזור ולסגרה ויש שמדמים אותו לכפתור (עי' ארח"ש פי"א לו), אך בשעה שזורקים אותו לאשפה יש ליזהר שלא להדביקו רק להכניסו לשקית ולזורקן.

**י. מי שיש לו מחזור חדש וחלק מהדפים עדיין דבוקים זה לזה, האם מותר להפרידם ?**

המ"ב (סקמ"ה) כ' שהאיסור לפרק ניירות דבוקים הוא רק אם נעשה לקיום, אבל אם נדבקו דפי ספרים זה לזה מהדבק שהשתמשו בו בשעת הכריכה מותר להפרידן [אכן, אם נדבק במקום האותיות ויש לחוש למחיקתן ע"י ההפרדה אסור להפרידן], שלא נעשו לקיום, ועוד שנדבקו מאליהם ללא כוונה ואינו דומה כלל לתופר [ואין לחוש בזה לדין תיקון מנא, שכיון שהדפים כבר היו חתוכים פעם אחת היו ראויים כבר לשימוש], אכן, אין בכלל זה מחזורים חדשים שלא חתכו הדפים כראוי לאחר הכריכה, וחלק מהדפים מחוברים זה לזה ללא דבק, שבזה יש איסור תיקון מנא, ואסור אפי' ע"י גוי.